STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04135

BAYM RAND FUN GOLD

Nathan Berger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. בערגער

ביים ראַנד פון גאָלד

צייט־פּאָעמע

פאַרלאַג „קאַיאָר“
יאָהאַנעסבורג
דרום אַפריקע
תשכ״ז — 1966

To Johannesburg, with love,
on its 80th Anniversary,
1886—1966.

"BEIM RAND FUN GOLD"
(The Golden Rand)

By N. Berger

54 SAUNDERS STREET, YEOVILLE,
JOHANNESBURG,
S.A.

„אַ מענטש האָט פרייד פון דעם ענטפער פון זיין מויל,
און אַ וואָרט אין צייט—ווי גוט דאָס איז !"
(משלי ט"ו, כ"ג).

געווידמעט יאָהאַנעסבורג
צו איר 80 יאָריקן יובילײ:
1966—1886

צווישן די טאָוולען פון דער דאָזיקער באַשיידענער אויסגאַבע איז איינגעזאַמלט אַ טייל פון אַן אַרבעט, געווידמעט יאָהאַנעסבורג; זי איז געווען ד י שטאָט, וואָס האָט מיך וואַרעם אויפגענומען מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, און איז געווען גוט צו מיר במשך פון אזוי פיל יאָרן — טאָ זאָלן מיינע שורות באַווייזן ווי מיין דאַנק פאַר איר גוטסקייט.

איך האָב געפּרוּווט, לויט מיינע מעגלעכקייטן, אין די 48 זייטן געבן דעם יידיש הינטערגרונט פון דער צאַפּלדיקער תקופה פון די 30קער און ווייטערדיקע יאָרן, ווען דער חותם פון דער אַ ל ט ע ר ה יי ם איז נאָך געווען שטאַרק ניכר.

אויב אפילו די דאָזיקע סטראָפעס זאָלן ניט פאַרנעמען וועלכן ניט איז אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, קענען זיי אָבער דינען ווי אַ ביישטייער, און אין אַ געוויסער מאָס אַן אינפאָרמאַציע־מקור, צו דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון די דרום אפריקאַנער יידן בכלל, און די יידישע יאָהאַנעסבורג בפרט. האָט דאָך די יידישע יאָהאַנעסבורג פיל ביי־געטראָגן צו דער אנטוויקלונג פון עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון גאַנצן לאַנד.

דער לייענער וועט אין מיין ביכל געפינען אַ צאָל נעמען, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געשאַפן אַ געוויסן יידישן קלימאַקס און גע־האָלפן אויפהיטן דעם גייסט פון דער אַלטער היים. די דאָזיקע פערזאָנען, וואָס האָבן דערפילט אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן אַ גרעסערע צי קלענערע פונקציע, זיינען געווען שעפעריש אין ליטעראַטור, מוזיק, געווען עסקנים און פירער, געבויט נייע אינ־דוסטריע־צווייגן און פאַרנומען זייער פּלאַץ אין יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. צום באַדויערן איז מיר ניט מעגלעך געווען אריינצונעמען אין דער דאָזיקער אויסגאַבע מערער נעמען, וואָס זיינען ווערט און נייטיק דערמאָנט צו ווערן. דער בלויז ווערט אויסגעפילט אין צווייטן טייל פון „ביים ראַנד פון גאָלד״, ווו פיל יידישע פירער און טוער ווערן דערמאָנט.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט אויסדריקן אַ דאַנק מיין פרוי נ ע מ י, וואָס האָט מיך געמוטיקט אין דער דאָזיקער אַרבעט.

— נ. ב.

די נומערירטע פּרעמד־ווערטער געפינען זיך אויף זייט 48.



בערג פון זאַמד אויף מיילן ווייט
ליגן ווי געשטאָרבן.

א.

אַ שטאָט וואַקסט

זיינען אָנגעלאָפן מענטשן פיל,
פון ראַסן אָן אַ צאָל,
און אויפגעשטעלט געצעלטן זיך
ביים ראַנד פון גאָלד.

יאָהאַנעסבורג — די שטאָט פון שטעט, פון אפריקע די גרעסטע,
פון רייכקייטן אָן־סופיקע און מעגלעכקייטן בעסטע,
פון לוקסוסן גאַלאַריקע, פון אָרעמקייט און ליידן,
אַ שמעלץ־טאָפּ, אַ צעמישעניש — גיהינום און גן־עדן.

גאַסן ברייטע, געסלעך שמאָלע, טומל און האַרמידער,
פון באַנען און פון מאָטאָר־קאַרס — אָן־אויפהעריק גערודער.
קאָפּ־שווינדלדיקע לויפעניש, הו־האַ פון דריי־פיר בבלען,
טורעמס הויכע צענדליקער ס'פּאַרשטעלן בלאָע הימלען.

בערג פון זאַמד אויף מיילן ווייט, ליגן ווי געשטאָרבן,
אַלע מילן דורכגעגאַנגען, געבראַכט שוין זייער קרבן...
קומט אַ ווינט און טשעפּעט זיך, וויל ניט לאָזן רוען,
כאַפּט זיך פּלוצים אויף אַ באַרג און מאַכט אַ זאַמדיק שטורעם.

* * *

אונטער דר׳ערד, אויף דעם גאַנצן שטח וואָס מ׳רופט עס „ריף“[1],
אין דעמפיקייט, אין חושך קלעפיקן — גאַנצע מיילן טיף,
היצן גרויס, נאָך הייסער פון די פייערן פון גיהינום,
שקראָבענען די מענטשן דאָרטן גאָלד פון טיפע תהומען.

עס שקראָבענען און גראָבן דאָרט דאָס גאָלד, דאָס גאָט־באַשערטע —
אין אלע צייטן, אַלע לענדער עס האָט די גרעסטע ווערטן —
נאָר מענטשן זיינען גייציקע, און ס׳גיט זיך גאָט אַ בייזער:
דאַן טרייסלט זיך די גאַנצע שטאָט און ס׳ציטערן די הייזער.

ס׳פּאַסירט אויך אָפט, ער ווערט ברוגז און פאַנגט זיך אָן צו בריקען,
דאַן גאָזן סם־המוותדיקע הויבן אָן צו שטיקן —
און די ווייסע און די שוואַרצע, די יונגע און די אַלטע,
בלייבן אין די תהומען דאָן — פאַרדושעטע און קאַלטע.

* * *

פון גראָבן און פון שקראָבענען אַ וואַסער פאַנגט אָן שטראָמען,
וואַסער הייס און קאָכעדיק, ווי די טייכן פון גיהינום,
ס׳ווערט מענטשנס האָב־און־גוטס אין בלאָטע דאַן פאַרשלונגען,
און ס׳ווערן אַלע גאָלד־גרעבער אין גאָלד־גרובן דערטרונקען.

יאָהאַנעסבורג אַ יונגע שטאָט איז, אַ נייע, ערשט־באַווינטע,
פון ווייסע — אייראָפּעער, טיילווייז — פון די ברוינע,
פון בושלייט[2] און פון האָטענטאָטס[3] און שוואַרצע אָן אַ שיער,
אַ מישמאַש, אַ צונויפגעלויף פון ראַסע און קאָליר.

כאָטש ערשט־ניט־לאַנג — אזוי דערציילט מען — מיט יאָרן
בלויז געציילטע,
וויסט און פוסט געווען איז אַלץ, ווי בראשית־טעג די ערשטע —
בושעס[4] — קנויל־פאַרוואַקסענע, פאַרווילדעוועטע וועלדער,
מיט פעלדזן און מיט שטיינער אָנגעבראַנטע פול די פעלדער.

און אויף די זעלבע בערג און טאָלן, וווּ יאָהאַנעסבורג צעלייגט איז,
וווּ די „זו“[5] איז, דער „זו־לייק“[6], דער דזשובערט־פּאַרק[7],
און די „קאָפּיס“[8],
פלעגן חיות ווילד ארומגיין אין בושעס, אומגעשטערט,
ס'האָט דער דזשונגל אַפריקאַנער זיך געצויגן ביז אַהער.

װאָלט דער זשונגל דאָ געבליבן, װילד פאַרװאַקסן און פאַרלאָזן,
פול מיט זשעברעס און מיט ספּרינגבאָקס, מיט שלאַנגען אין די גראָזן,
ס'װאָלט פאַר האָטענטאָטס און בושלײַט אַ גן־עדן דאָ געװעזן —
אַזױ פיל פעלן פאַר די „קאַיאַס״, און אַזױ פיל פלײש צום עסן.

נאָר מוטער־ערד האָט ברײטהאַרציק איר טראַכט געטאָן אַן עפן
און אַנטפּלעקט זיך האָבן רײכטימער פון גאָט אַלײן באַשאַפן,
פאַרחושטע און פאַרגאַפטע פון אוצרות נײ־אַנטפּלעקטע,
האָט אַ װעלט דאַן אױפגערודערט — פון גאָלד מ'האָט אַנטדעקט דאָ.

גלי פון גאָלד עס האָט באַצױבערט אַלעמען, פון װײַטסטע צענטערס —
אָנגעלאָפן און האָט געדרופן : „אוצרות, אוצרות, קומט און נעמט עס !״
זײַנען אָנגעלאָפן מענטשן פיל, פון ראַסן אָן אַ צאָל,
און אױפגעשטעלט געצעלטן זיך בײם ר אַ נ ד פ ו ן ג אָ ל ד.

אין די פריאיקע פאַרטאָגן, ס׳איז די זון העט־ווייט נאָך,
ערגעץ דאָרט אין קאַרו־מידבר, ביים האָריזאָנט פון מיזרח,
וו זי גורט זיך אָן צו הערשן מיט מאוימדיקן ברענען —
ס׳זאָל באַשעפעניש געפייניקטע קוים אויסהאַלטן עס קענען.

אין די גלאָררייכע פרימאָרגנס, ס׳איז די לופט אַ זויבער־ריינע,
איינגעטונקט אין גראָזן גרינע, איינגעהילט אין לאַנדשאַפט שיינער,
איידער ס׳הודזשען און צעיושען זיך אין רוישיקן געמורמל,
די מאַשינען פון פאַבריקן, און פון מאָטאָר־קאַרס דער טומל.

אַנגעפּאַקט שוין זיינען באַנען, און אין אויטאָבוסן רייען —
אין די פריאיקע פאַרטאָגן — די שוואַרצע, מיילן־לאַנג, זיי שטייען —
און די מענטשן זיינען מידע, נאָך פון נעכטן מ׳איז פאַרמאַטערט,
פון די „טאַונשיפּס״[10] צו דער ארבעט — מ׳האָט אזוי פיל צייט געפטרט.

* * *

פון די קיכן טראָגן דינסטן שוין דעם פרישטיק פאַר די מענער,
אין צימערלעך פאַרשטופּט, ביי די שטייגן פון די הינער,
וו זיי קומען שלאָפן בלויז, און וו זיי לעבן יאָרן,
און עס האָדעווען פאַמיליעס זיך — ביי מיסט־קאַסטנס געבאָרן.

און די מילך־„באָיס״ פאַרשלאָפענע — שטעלן מילך אויס ביי די טירן,
און אַ „נענע״[11] פירט אַ הינטל — פאַר דער „מיסיס״ — דורכשפּאַצירן,
און „שאַמפּונגאַנס״[12], מיט מיסט־טונען אויף פּלייצעס זיך פאַרמעסטן,
ווער ס׳איז האַסטיקער און פלינקער אויפצוראַמען די געהעפטן.

כאָטש יאָהאָנעסבורג נאָך יונג איז, אָקערשט־ערשט געבאָרן,
האָט זי שוין טראַדיציעס פיל, פאַראייגנטע פון יאָרן,
פון ראַסן פיל־קאָלירִיקע, קאָנטראַסטן מעכטיק גרויסע,
און שטענדיק מיט פּראָבלעמען פול — פון שוואַרצע און פון ווייסע.

* * *

אין די אינדישע באַזאַרן, גיסן ריחות זיך צוזאַמען —
עקזאָטישע באַלזאַמען מיט די פּרוכטן פון די קראָמען —
און ס׳גיסן זיך צוזאַמען אַלע שפּראַכן, אַלע קולות
פון אַ מאַסע מולטי־ראַסיק, וואָס גיט צו חן דער מעטראָפּאָליס.

מיט יאַרמלקעס פון זיידן, מיט זשופּעצעס ווי חסידים,
מיט בערדעלעך פאַרלאָזענע, ווי אונדזעריקע יידן,
און די ווייבער אין די „סאַרים“[13], אין באַבלומטע אונטער־הויזן,
שלעפּן מענטשן ביי די פּאַלעס און זיי בעטן זיך אויף לייזונג.

* * *

און דער צונויפגעמיש פון שוואַרץ־און־ווייס — די „קאָלירטע“,
צאָלן איצט נאָך אַלץ דעם שטראָף פאַר מאַמעס זינדיקע, פאַרפירטע
פון בורן, ענגלענדער און יידן, פון די ערשטע אין דעם לאַנד דאָ —
פאַר פּיאָנערן די אַמאַליקע ניט געוועזן איז קיין שאַנדע.

איז אַ ראַסע אויסגעוואַקסן — פון די פּרוכטן פון יאָרהונדערט,
און זיי לעבן אין קוואַרטאַלן — אייגנאַרטיק, אָפּגעזונדערט —
ניט קיין שוואַרצע, ניט קיין ווייסע, אַ פּראָבלעם פון די פּראָבלעמען,
כאָטש מיט פירונג און אָרט־לעבן איז ניטאָ זיך וואָס צו שעמען.

בעטלער בלינדע, דעפּאַרמירטע, אויסגעשפּרייט אויף טראָטואַרן,
פאַרקויפן קעמעלעך און שנירלעך, קאָנקורירן מיט באַזאַרן,
קינדער הונגעריק און באָרוועס, פון גאָט און אַלעמען פאַרגעסן,
ווי די קעץ און הינט פאַרבלאָנדזשעט, אויף די מיסטן זוכן עסן.

* * *

און „סאַלוויישאָן אַרמי״[14]־פּרעדיקער, געשמדטע מיסיאָנערן,
העלפן די נשמות זינדיקע, פאַרפירטע, אויסגעלייזט צו ווערן,
שפּילן מוזיק אויף טרומייטן, זינגען הימנס פון די הימל־פרייד —
אַ סגולה אַ געפּרוווטע איז צו לינדערן די לייד.

* * *

ס׳זיינען „ביזי״ אַלע מענטשן — אין די אָפיסעס, פאַבריקן,
אין קאַפעען און טעאַטערס, אין די נאַכט־קלובן פאַרשטיקטע,
בלויז די „האָבאָעס״[15], ווילד־באַוואַקסן, טרינקען ווײַנען אויף די גאַסן,
שלאָפן אויף די בענק אין פּאַרקן — און לעבן זיך געלאַסן.

* * *

ס׳לעבן מענטשן אויף געהעפטן, און אין הייזער ווי פּאַלאַצן,
יעדער איינער האָט זיין פּעקל, וועם עס בייסט דער מוז זיך קראַצן;
ס׳וועגדט זיך בלויז מיט וואָס און ווען ס׳איז יעדערער פאַרנומען,
כאַטש אַלע זיינען מיד, פאַרמאַטערט, ווען ביינאַכט אַהיים זיי קומען.

ווער פון פערד און ווער פון קאַרטן, ווער פון שמאַטעס, אַלטע פלעשער,
ווער פון טראָגן געלט אין באַנק, און ווער פון לעבן ווי אַ קיסר,
ווער פון „מיליפאָפ״[16] און ברויט, און חיונה — קוים צום לעבן,
דאָך יעדער איינער האָט זיין ווילן, יעדער האָט זיין שטרעבן.

אין די בין־השמשות־שעהן, נאָך אַ טאָג פאַרברענט פון זונען,
פון די מאָדיקע היצן ס׳ווילט זיך יעדערן אָפּרוען,
און זיך אָנזאַפּן, דערקוויקן מיט די ריחות פון די בלומען,
פון די פלאַנצן, פון דיביימער — ארום די הייזער ארומגעצוימען.

נאָר פון ערגעצווו באַווייזט זיך אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטן,
ס׳האָט זיי קיינער ניט גערופן, ס׳האָט זיי קיינער ניט געלאַדן,
און צעשפּילט זיך אויף גיטאַרעס, און אַ פידעלע באַגלייט זיי,
און מוזיק ווילד־משונהדיקע אין דער טונקלקייט צעשפּרייט זיך.

תיכּף קלייבן זיך צוזאַמען אַלע דינסטמוידן און דינער,
פון די נאָרעס פון געהעפטן, פון דעם הינטן פון די הייזער,
און זיי דרייען זיך, און טרייסלען זיך, היסטעריקע באַפאַלט זיי,
און עס לאָזן זיך גוט ווילגיין אי די יונגע, אי די אַלטע.

מיט אַ ריטם ווילד עקזאָטיש, מיט פאַרהילכנדיקע טענער,
טאַנצן מיידלעך מיט די מיידלעך, און די מענער מיט די מענער,
אויך פאַרנוויז זיי טאַנצן, און זיי טאַנצן אויך באַזונדער,
ביז ס׳קומט די פּאָליציי צולויפן און טרייבט אַלעמען פונאַנדער.

און אַ טייל מ׳נעמט אַוועק אויך, אוודאי ניט געהאַט
קיין „ספּעשלס״[17] —
בלייבן הילפלאָז ווייסע פרויען, און די מענער ניט געגעסן,
און די בעטן ניט פאַרבעטע, און ניט אויפגעראַמט די שטיבער,
ווייל די ווירטשאַפט פירן דינסטן, און זיי האָדעווען די קינדער.

* * *

און די „באָיס״[18], וואָס יעדערן מ׳רופט אים „דזשים״ און „דזשאָן״,
צי מע האַלט פון זיי צי ניט, פאַרנעמען דאָך אַן אויבנאָן,
אָט דער „בוטשער־באָי״[19] און „גראָסער־באָי״[20] און דער וואָס
ברענגט די צייטונג,
ווען איינער ווערט פאַרפאַלן פלוצלינג, פילט מען זיין באדייטונג;

מיטן פלייש דער קצב בלייבט, און מיטן ברויט דער בעקער,
ס׳בלייבט דער קרעמער אומבאַהאָלפן אָן דעם פּעקל־טרעגער,
ס׳וועט ניט קיינעם איינפאַלן אז אַ פידל, אז גיטאַרעס
קענען אָפּשטעלן די „ביזנעס״, קענען טאָן אזוי פיל צרות...

אט האָט שוין יאָהאַנעסבורג „קינדנעפּערס״ גערוואָגטע,
און הילבראָו האָט אַן אונטערוועלט, מיט גענגסטערס ווי שיקאַגאָ,
„לאָקיישנס״[21] פּיל און „טאַונשיפּס״ אויסן־שטאָט, רונד אַרום,
מיט שבטים שוואַרצע צענדליקער פון גאַנצן אומעטום.

* * *

ביינאַכט — די גאַסן פּוסטע, ווי אַ פעסטונג — פאַרריגלט אַלע טירן,
נאָכן „בייסקאָפּ״[22] און טעאַטער גייט שוין קיינער ניט שפּאַצירן,
קומט מען גיך אַהיים צולויפן, מען פאַרשליסט זיך אין די שטיבער,
און ס׳נעמט די אונטערוועלט די הערשאַפט שטאָטישע באַלד איבער.

* * *

פון גנבים זיך באַהאַלטן — אין דעם צענטער, אויף אַ ווינקל —
אַרומגעצוימט מיט אַלטע בלעכן — אַזוי ווי שמאַטעס אין אַ בינטל,
זיצט אַ וועכטער ביי אַ פייער, מיטן נעכטן איז פאַרנומען —
ער חלומט ווען ער איז אַהער פון סוואַזילאַנד געקומען;

פלינקער ווי אַ יונגער ספּרינגבאָק, ווי אַ פויגל פריי געווען —
ס׳זיינען קלוגע דאָרט די מענער און זיי ווייסן ווי צו לעבן,
דער ״וויטשדאָקטער״[23] מיט כישוף האָט פאַר אים געוואָרפן ביינער,
שטאַרקן „מוטי״[24] אים געגעבן—גיפט פון שלאַנגען, מאַלפּע־ציינער.

און די יונגע סוואַזי־מיידלעך — אויף די פיס־באַדרייטע דראָטן —
האָבן ליבע־לידער אים געזונגען, זייער ליבע אָנגעבאָטן,
האָט ער איינגעשאַפט זיך ווייבער, פון די שענסטע אין די טאָלן,
און ווי אַלע סוואַזיס־יונגען דעם „לאָבאָלאַ״[25] פלעגט ער צאָלן.

האָבן פויקן אויף די בערג־שפּיצן געפּויקט און אויסגערופן :
„ס׳איז אַ חתונה, א חתונה, זאָלן אַלע, אַלע קומען,
פון די קאַפּער־שטעט צעוואָרפן איבער פעלדער, איבער בערג,
צופוס, אויף אָקסן־וועגענער, אויף מויל־אייזלען און פערד״.

און סוואַזילאַנד ס׳האָט חתונות אַזעלכע ניט פאַרגעסן —
איבער קנאַקנדיקע פייערן האָבן אָקסן זיך געפּרעגלט,
און עמערס פולע „קאַפּער־ביר״ און זויערן „שקאָקיאַן״,
און „מילי־מעל״ און „מילי־פּאַפּ״ דאָס בעסטע פון מ׳באַבאַן[26].

און די היט — פּריש־געפלאַכטן, פון די שענסטע סוואַזי־שטרויען,
און די בענדער — פּיל־קאַליריק, אָנגעהאנגען אויף די לענדן —
און די ברוסטן — מוטער־נאַקעט, האָבן באַמבלענדיק געשווונגען,
ס׳האָבן אויפן „פלאַץ דעם גרויסן״, יונג און אַלט געטאַנצט, געזונגען.

איז אַ טריקעניש געקומען, אים פאַראַרעמט און דערשלאָגן,
און דעם היישעריק, די ווערעם ניט געקענט שוין מער פאַרטראָגן,
האָט ער אַהערצו דאָן דערשלעפּט זיך און געאַרבעט אין די מינען,
אין פאַבריקן און אין קיכן, אויף אַ לעבן צו פאַרדינען.

מיטן געלט אַ שווער פאַרדינטן, סענט צו סענט דעם אָפּגעשפּאָרטן,
פלעגט ער צאָלן דעם „לאַבאַלאַ", כאַטש די ווייבער זיינען דאָרטן.
איצט, אז ער טויג ניט מער צו אַרבעט — איז אַ וועכטער דאָ געוואָרן,
בלויז געבליבן מיט חלומות — חלומט פון די יונגע יאָרן:

פון פעטע פליישן, פעטע ווייבער, „קאַיאַס" גרויסע, שיין געמאָלן,
קאָלדרעס וואַרעמע און דעקעס, טייכן שלענגלען זיך אין טאָלן,
און די ווייבער ברענגען וואַסער, קלייבן האָלץ און שטויסן מילים,
און אויף ציגנבעק און שעפּסן גיבן אַכטונג „פּיקאַנינים"[27].

און די שטאַרקע סוואַזי־טשיפן גרויסע רייכטימער פאַרמאָגן,
פעלן טייערע, די בעסטע — פון די חיות ערשט־דערשלאָגן —
פערדלעך פלינקע ווי די הירשן, בהמות פעטע אין די שטאַלן,
האַרעמס פולע, אָנגעפּאַקטע, הייזער שענסטע אין די קראַלן.

איז ער נעימותדיק געשלאָפן און געחלומט ביז פאַרטאָגן,
און דערווייַלע האָבן „טשאַטשיס"[28] די גאַנצע סחורה אים
ארויסגעטראָגן.

— — — — — — — — — — — —

ס׳איז יאָהאַנעסבורג ניט בלויז אַ שטאָט פון צרות גרויס און גרעסער,
פון „אַפּאַרטהייד״[29] און פון „קערפּיוס״[30] און פון „ספּעשלס״ און
פון פּעסער,
פון די „באַטל־סטאָרס״[31] און „באַרן״, וואָס מאַכן געלט און
גרויס עשירות,
און פון אזעלכע וואָס פּאַרטרינקען און פאַרשיכורן די שכירות.

ס׳איז יאָהאַנעסבורג באַרימט אויך ווי אַ שטאָט אַ ליבעראַלע,
מיט מיגלעכקייטן מעכטיקע, עשירות קאָלאָסאַלע,
אינסטיטוציעס פילאַנטראָפּישע — עס לאָזט זיך קוים באַשרייבן,
און נעמען וועלט־באַרימטע, וואָס אין געשיכטע וועלן בלייבן.

* * *

באַטש די מיגלעכקייטן פאַר אַלעמען, אזוי צו זאָגן, גלייכע,
בלייבן אָרעמע ביי אָרעמקייט, און רייכע — ווערן רייכער.
נאָר די מענטשן אַלץ די זעלביקע — פון דאַנען און פון דאָרטן —
פון בריקסטאָן און פון דאָרנפאָנטיין, קילאַרני און פון האָוטאָן.

יאָהאַנעסבורג, „די שטאָט פון טייוול״ רופן עס די בורן,
„די שטאָט פון גאָלד און גרויסע גליקן״ — אַנדערע עס רופן,
„די שטאָט פון אָרעמקייט און ליידן״ — רופן עס די מאַסן,
ס׳וועגדט זיך בלויז ווו איינער וווינט, אויף וועלכע פון די גאַסן ?!

אין פּאַרקטאַון, צי אין פאָרדסבורג, צי אין סאקסאָנוואָלד, צי יעאָוויל,
אין סירלדין, אין בראַמפאָנטיין, אין לינקספילד צי אין טראָיוויל,
אָבסערוואַטאָרי, צי גרידעדאָרפּ, און פיל אויף ערד דער בלויזער,
ס׳וועגדט זיך נאָר ווו איינער וווינט — אין וועלכע פון די הייזער ?

נאָר ערגערע צי בעסערע, אַבי מען מאַכט אַ לעבן,
אַבי עס בויט זיך אויס אַ שטאָט — אין ווייען און אין פריידן,
אַבי מע בויט צוזאַמען, אַלע — אין מילחמות און אין פרידן.
און נאָך וואָס האָט יאָהאַנעסבורג : זעכציק טויזנט יידן !

ב.

אַ היים אויף דאָס ניי

געווידמעט דעם אָנדענק פון
מיינע ליבע טאַטע־מאַמע,
מאיר און ביילע,
מיינע צוויי ברידער און מיינע צוויי שוועסטער,
חיים און ליפּמאַן, איטע און מאַשע,
מיט זייערע עופהלעך —
דערמאָרדעט דורך די רוצחישע נאַצי־באַנדיטן.

צופוסנס פון די „קאַפּיס“, מיט ציגל אַנגעוואָרפן און מיט שטיינער,
און פעך פון גאַסן, דורכגעמישט מיטן ריח פון יאַקאַראַנדע־ביימער,
אין הייזער בלעכענע, מיט רויטן און מיט ווייסן קאַלך פאַרשמירט,
און מעבל, נייע, אָקערשט־ערשט פון „שמש׳ס יאַרד“[32] אריינגעפירט —

האָבן רחבותדיק צעשפּרייט זיך יידן, מוטיקע און שטאָלצע,
פון ליטע, לאַטוויע און פוילן — אויסגעמאַטערטע, פאַרפאָלגטע,
געטוליעט זיך צוזאַמען, אין דזשודיט־פּאַארל און אין טראַנסוויל —
אויפסניי אַ היים געמומען בויען, מיט גרויס מוטיקייט אזוי פיל.

ס׳האָבן געבויט אַ היים די שניידער, און די בלעכער און די שמידן,
מיט חשק און אַ ווילן שטאַרקן פון האָרעפּאַשנע יידן,
פון עמך־שער־און־אייזן, פון יידיש־שאַרפע מוחות,
יונג און שטאַרק — צו שלעפן, בויען, פול מיט פרישע כוחות.

מיט פּיאָנעריש־פעסטן ווילן — אומבאַגרענעצטע פּאָטענציאַלן,
מיילן טויזנטער פאַרוויסטע וואַרטן אויסגעלייזט צו ווערן —
אי דאָס בושפעלד, ברוינער מידבר, און די גאָלד־און־דימענט־מינען,
אַלץ געווען איז בראשית, פריש, ווי פריסטייטער באַגינען.

ס׳האָבן פּעלקערלעך און פעלקער אין נאָך־מילחמה ערשטער,
אָפּגעשטאַנען, פּרימיטיווע, אָט באַהערשטע — איצט שוין הערשער,
ווי די חיות פונעם דזשונגל, צו די יידן זיך גענומען,
זיינען צייטן ביטער־שלעכטע אויפן פאָלק דאַן אָנגעקומען:

צוגענומען די פּרנסות, בלוט־בילבולים און פּאָגראָמען,
יידיש גוטס געווען איז הפקר, יידישע מיליאָנען,
און געשניטן מע האָט פּיאות, און געוואָרפן פון די באַנען —
האָט געזאָגט צו מיר מיין טאַטע : „גיי, מיין זון, אַוועק פון דאַנען !״

* * *

האָט מען וואָכן־לאַנג געשלעפּט זיך איבער ימען, אָקעאַנען,
אין די „יוניאָן קאַסל״־שיפן, מיט קערב און טשעמאָדאַנען,
און געפירט עס האָט דאָ קיינער ניט קיין גאָלד און זילבער אויך ניט,
בלויז די הענט וואָס אַרבעט ווילן, מיט ענערגיע פול און מוטיק.

ס׳איז מיט אָרעמקייט צוזאַמען געווען פּאַרפּאַקט אין יעדן פּעקל,
אַ גאַנג מחזורים און אַ סידור, אַ האַנט־געהאַפּטער טלית־זעקל —
פון מתנות־אוצר האָט די מאַמע איר זון עס מיטגעגעבן,
אויף דאָס ניי, אויף ערדן נייע — צו ממשיך זיין ס׳גייסטיק לעבן.

זיינען יידן דאָ געקומען פון דער ליטע און פון פוילן,
פאַרקויפט אין גאַסן פּרוכטן, גרינסן, האָלץ פאַר פייערן און קוילן,
פלייש און ברויט און זופן פעטע, קוים וואָס עסן געווען מעגלעך,
אין די „קאַפּעריטעס"[33] — שמוציק, פול מיט ריחות אומדערטרעגלעך.

* * *

אויסגעגרינט, שוין „געל" געוואָרן, און צו ביזנעס זיך גענומען,
מיט די שוואַרצע און קאָלירטע איז מען גאָר גיך דורכגעקומען,
אַלטוואַרג קויפן און פאַרקויפן, און מיט סחורה „שמויזן"[34] פאָרן,
יע געגעסן, ניט געגעסן, אַבי עפעס קענען שפּאָרן.

יע געשלאָפן, ניט געשלאָפן, רק געשפּאָרט און רק געקליבן,
פאַר אַ טאַטן, פאַר אַ מאַמען, וואָס אַהיים זיינען געבליבן,
צי פאַר ווייב־מיט־קינדער — זאָלן קומען דאָ צופאָרן —
ס'איז אַ לאַנד מיט מענטשן גוטע, ס'ווערט דאָ קיינער ניט פאַרלאָרן.

* * *

ווי די פאָרטרעקער[35]־פּיאָנערן האָט מען מוטיק זיך צענומען,
און די שוועריקייטן אַלע אזוי העלדיש בייגעקומען,
אי די ברענענדיקע זומערס, אי די ווינטערס טריבע, נאַסע —
ס'איז די שטאָט געווען אַ גוטע צו דער נייער מענטשן־מאַסע.

אויף דאָרנפּאַנטיינער הינטער־געסלעך, אין כאַלופּעס
אוּן געהעפּטן —
וואָס דער אַוואַנגאַרד געווען איז פון די היינטיקע געשעפטן —
האָבן טאָג־און־נאַכט געמאַטערט זיך די קרעמערלעך, „טרייער״[36],
מיט די לייט־אייזנס די בלעכער, און ביים ניי־מאַשין די שניידער.

ס׳איז ניט לייכט געווען דאָס לעבן, אזוי אַנדערש אַלץ געווען איז,
אי די שפּראַך און אי די מענטשן, אי די צוגעציילטע פּענעס,
אין כסדרדיקער טראַכטעניש, און תמידיקן זאָרגן.
פון נעפּלדיקן צוקונפט : וואָס וועט ברענגען דאָ דער מאָרגן ?

* * *

געלעבט מען האָט צוזאַמען, אין די באַזונדערע שטאָט־טיילן,
אייגנאַרטיק, טיפּיש־יידיש, ווי אין ליטע, ווי אין פּוילן,
מינינים אייגענע און שולן, צדקה־חברות און פאַראיינען,
שבתים און יום־טובים האָבן באַשיינט אזוי פיל היימען.

און צייטונגען פיל, יידישע, פון קאָוונע און פון ריגע,
„דער אַמעריקאַנער״ פון אַמעריקע, און וועכנטלעכע היגע,
פלעגן דערציילן וועגן צרות, אויף יידן — שווערע גזירות,
ווערן אויסגעריסן פון די לענדער, וווּ געלעבט זיי האָבן דורות.

ס'איז אַ תקופה פאַר די יידן דאָ געווען דאַן שיין און הערלעך,
אזוי פיל קולטור־עסקנים און מנהיגים — לויטער־ערלעך,
וואָס פאַרלייגט האָבן יסודות פאר נאָבעלע אינסטיטוציעס,
און אַוועקגעשטעלט דעם קיבוץ אויף ווירדיקע פּאָזיציעס.

ס'איז אַהער געקומען זשאַבאָטינסקי, נחום סאָקאָלאָוו און ווייצמאַן,
פירער גרויסע פון פיל לענדער, אַלע זיינען דאָ געווען דאַן,
און באַשערט געווען אפילו איז צו האָבן אַזאַ איינעם
ווי הרב קאַסאָווסקי ז"ל — אַ גאון צווישן גאונים.

* * *

און פיל צייטשריפטן אין יידיש אזוי אָפט זיינען דערשינען:
דער „פּאַרויס" און „די טריבונע", און אין בלומפאָנטיין — „באַגינען"
אין העברעאיש האָט דאַן רוביק אָנגעפאַנגען דעם „ברקאי",
ס'איז געווען אַלץ נאָך יונג דאַן, אַלץ געווען ניי איז.

דוד פראַם און בן־משה געשריבן האָבן יידיש־לידער
וועגן וועלטן גראָע, טריבע, וועגן גאָט וואָס ליגט אַ מידער,
און דערשינען זיינען ביכער נאָך פיל אַנדערע, אַנצאָליק —
אי אין יידיש, אי העברעאיש — ליטעראַרישע און וואָגיק.

פעלדמאַן לייבל און רחמיאל, היימאַן פּאָלסקי, י. מ. שערמאַן,
דער לערער וו. ריבקאַ, און פיל געשריבן האָט שאַבאַן דאַן,
אין קאַרו, העט־ווייט אַוועק, האָט האָפמאַן אָפּגעדרוקט די „קלאַנגען",
און איבער אַלעמען געשטאַנען איז הרב הראשי ד״ר לאַנדאָ.

באָטניצקיס צייטונג יידישע — ריין און שיין ארויסגעגעבן,
האָט מיט ערנסט און מיט ווירדע אָפּגעשפּיגלט ס'היגע לעבן.
ס'האָבן מענטשן פיל געלייענט, שרייבער ווערטיקע — געשריבן,
צו געשעענישן וויכטיקע מע איז ניט גלייכגילטיק געבליבן.

* * *

און פון כעלם איז אהערצו אָנגעקומען דאַן הערש שישלער,
האָט אַ קאַנווע אויסגעשפּרייט דאָ אויף דער ערד דער רויער, פרישער,
און האָט אָנגעפאַנגען שרייבן, דרוקן ביכער און זשורנאַלן —
ניט געוואָרן איז קיין כוח אין יאָהאַנעסבורג פאַרפאַלן.

מיטגעבראַכט דאָ פון די שטעטלעך האָט מען אויך דעם ציוניזם,
מיט הייליקייט און ליבשאַפט אויפגעכאָוועט און געהיט אים
און טיף פאַרפלאַנצט די אידעאַלן מיט היתלהבותדיקער קינאה —
צוגעלייגט אַ האַנט צום שאַפן פון דער יידישער מדינה.

און באַוועגונגען פון יוגנט : דער „ביתר״, די „הבונים״,
און די „בני־עקיבא״־חברה, און נאָך אַנדערע אַזוינע,
ס׳איז צו טאָן געווען אַזוי פיל פאַר ישראלס יונגע בויער,
וואָס אויף זיך גענומען פליכטן האָבן שווערע אומגעהויער.

* * *

און דער קלוגער יודעלעוויטש, דער באַגאַבטער פון משכילים,
האָט דאַן חברות פיל געגרינדעט, אין, און אויסן שטאָט אַפילו,
און דערגרייכט מיט זיינע חברות אזש אוועק ביז קיין פרעטאָריע,
וו געלערנט ער האָט יעדן זונטיק מיט די יידן דאָרט אַ בלאַט גמרא.

ס׳האָט געקענט אים דער קאָנדוקטאָר, שוין געוווסט אים פאַר פיל יאָרן,
ווען פאַסירט ער האָט פאַרשפעטיקט, ניט געוואָלט גאָר אָן אים פאָרן,
און געוואַרט האָט אויפן אַלטן — מיט זיין אויטאָבוס דעם פולן, —
וואָס קומט מיט ציישונגען באַלאָדן, מיט ביכער און זשורנאַלן.

* * *

ס׳האָט יודעלעוויטש ניט געשטופט זיך, האָט קיין אוצרות ניט געקליבן,
בלויז געלערנט און געלערנט, געלייענט און געשריבן,
אוצרות גייסטיק קולטורעלע ס׳האָט זיין קיום אויפגעהאַלטן,
און געבליבן ער איז איינער פון די לויטערסטע געשטאַלטן.

חזן חגי אין בית מדרש האָט דאָרט איינגעריסן וועלטן,
ס'איז אַ געשעעניש געווען, וואָס פּאַסירט דאָ זייער זעלטן,
מיט פּאָליציי פאַרשטעלט די טירן, ווי להבדיל, ביי די גויים,
און אין מיזרח, אין צילינדער־היט זיינען געזעסן די גבאים.

* * *

און דער מוזיקער, איכילטשיק, ערלעך־איידל, פול מיט וויסן,
האָט געשאַפן קאָמפּאָזיציעס פאַר חזנים און אַרטיסטן,
ס'איז זיין הויז געווען אָפן אי פאַר שילער, אי פאַר לערער,
„ס'איז איכילטשיק דאָ צו העלפן", האָט געוווּסט אין שטאָט דאָן יעדער.

* * *

אין „סטענדערד" סעראַ סילוויאַ האָט געשפּילט יידיש טעאַטער,
און די כעלמער, און די קאָוונער, און די ווילנער, און מאַלאַטער,
האָבן איינגעזאַפּט און מיטגענומען לידער און קופּלעטן
פון מחיהדיקע דראַמעס, די שיינע אָפּערעטן.

פון „שולמית" און „בר־כוכבא", און פון „שווער צו זיין אַ ייד",
מ'האָט אין שטוב, אין גאַס געזונגען, ביי דער אַרבעט אין פאַבריקן,
פון „די קאַץ" און פון „דעם ברונעם", און „אַ בריוועלע דער מאַמען",
און דערציילט זיך פון טעאַטער וויצן זאַלציקע און גראַמען.

אויף דאַרנפּאַנטיינער בייט־סטריט, אין דעם צוויי־עטאַזשנעם מויער,
מיט די ציגל געל געפאַרבן, און דעם ווייס־געקאַלכטן טויער,
איז געווען די תלמוד־תורה, וואָס געוועזן איז דער צענטער
פון פולסירנדיקן לעבן, פונעם קיבוץ — יונג און מונטער.

אויף דעם הויף דעם זאַמדיקן, וואָס איז אָפּט געווען פאַרלאָזן —
מיט פאַרוועלקטע „קריסמעס״־בלומען און פאַרדאַרטע ווילדע גראָזן,
פול מיט שאָלעכץ פון באַנאַנעס און פון פרוכטן אַלערליי —
האָבן יינגעלעך און מיידעלעך פאַרבראַכט אין שטיפעריי.

פון די צימערן פאַרשטיקטע האָבן קולות אָפּגעקלונגען —
ס׳האָבן מאַריסלעך און סעמעלעך די ברכות אויסגעזונגען,
און פון „היברו״, פונעם חומש, וואָס זיי פלעגן דאָרטן לערנען,
זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן אַלע פירער, די מאָדערנע.

עס האָט דער „געלער מויער״ דאָן געברויזט מיט יידיש לעבן —
און אָן עדות איז געווען פון די שטרעמונגען און שטרעבן,
פון די אָפטע צאַנקערייען פון די יידיש־יידישיסטן,
און די מחנות ציון־בויער — העברעאיש־ציוניסטן.

* * *

אקטיוו געווען איז מישאַ שור, י. כאַרלאַש און לייבל פעלדמאַן,
און די מאַסן—גייסטיק־רייכע—זיינען שפרודלדיק געווען דאַן,
ס׳האָבן לעקציעס אַזוי אָפטע וועגן שרייבער, וועגן שריפטן,
מאַסן יידן עס פאַרשטאַנען, און אזוי גוט עס באַגריפן.

* * *

אויך געווען מען איז פאַרנומען מיט פלאַנירן, מיט פראָיעקטן,
מיטן שאַפן אוידיטאָריעס, אינסטיטוטן, ביבליאָטעקן,
און אַ פאָלקשול דאַן געגרינדעט, וו געלערנט מען האָט יידיש,
און געוואָרן איז אַ צענטער דאָ פאַר אַלץ וואָס פראָגרעסיוו איז.

נאָך אַ צענטער אַ באַליבטער איז אין דאַרנפאַנטיין געווען,
וואָס האָט גאווהדיק ארויסגעשטאַרצט פון די הייזלעך פון דער געגנט,
און פאַרשאָפט האָט פאַרגעניגן די פארצרהט־גרויע מאָסן :
ס׳איז געווען די „אַלהאַמבראַ״ אויפן ווינקל פון די גאַסן.

שטענדיק איז געווען באַלויכטן — אַ קאַלירפולע, באַצירטע,
מיט אַקטיאָרן און אַקטריסעס אויף פלאַקאַטן דעקאָרירטע,
און פאַרטרעטן פון פאַרליבטע, וואָס דערקלערן זיך אין ליבע,
פול מיט שטראַלנדיקע פנימער, און אַנדערע — מיט טריבע.

געוווּסט מען האָט דעם יחוס און פון וואַנען אַלע שטאַמען,
די געשיכטע פון אַל דזשאָלסאָן, פון זיין יידיש טאַטע־מאַמע,
שטענדיק גרייט געווען צו זינגען און דאָס מויל געהאַלטן אָפן,
און ס׳איז רודאָלף וואַלענטינא אַלעמאָל געווען פאַרשלאָפן.

ס׳האָבן בחורימלעך יונגע, פול מיט גלוסטונג און באגער
זיך געוואָרפן אויף געלעגערס און געחלומט אָן אויפהער,
פון אַקטריסעס בלויז די שענסטע, און פון ליבעס אָפט פארשטערטע,
און ניט אַנדערש — פאָלאַ נעגרי וועט אַמאָל זיין זיין באַשערטע...

* * *

די „אַלהאַמבראַ״ אויפן ווינקל אַזאַ שטאָלצע איז געשטאַנען,
אין דער טונקלקייט געזען האָט, וואָס פאַסירט און אַנגעגאַנגען,
און געוווּסט אזוי פיל סודות האָט פון פאַרעלעך פאַרליבטע,
און געוווּסט האָט פיל אינטריגעס פון די פאַרעלעך באַטריבטע...

העכער־צו אויף בייט־סטריט, אין „באָרדינג־הויז“ ביי „טעפּלינס“,
האָבן צימעסן געקאָכט זיך און מחיהדיקע עסנס,
פּאָר צוויי שילינג אַזאַ מיטאָג, אי מיט הון, אי ברויט אַזויפיל,
אי אַ הערינג מאַרינירטן, און אַ לאָקשן־קוגל — אויכעט.

ציבעלע און בולבעס דאָן געווען איז בחינם,
און באַנאַנעס אַזוי ביליק, און זעקלעך גאַנצע אַפּעלסינען,
געבאַקן האָט אויך „קריסטאַל“ די געשמאַקסטע האָמענטאַשן,
און בייגל — וואַרעם־פרישע, — פלעגט פאַרשמעקן אַלע גאַסן.

* * *

און זלמן באַנק אַ מויערל האָט אָנגעפאַנגען בויען,
און אַ מויערל און נאָך אַ פּאָר — ארויפּצו, צווישן גויים,
און פיל גרויסע אויפגעבויט — אויף פלעצער פוסטע, וויסטע —
געווען איז ביליק ליים און ציגל, ארבעטער — כמעט אומזיסטע.

גלייך מיט לייטן ס׳ווילט זיך לעבן אין אַ שיינער הויז אין טראָיוויל,
און גאָר אָפּט אַרויפגעקראָכן אויף די בערג דערביי אין יעאָוויל,
און קיין סאַקסאָנוואַלד און פּאַרקטאָן מיט דער צייט זיך אויך פאַרקליבן,
ס׳האָט זיי קיינער ניט געשטערט דאָרט, ס׳האָט קיינער ניט געטריבן.

* * *

ס׳זיינען דאָן באַרימט געוואָרן אַזוי פיל יידישע פּיאָנערן
אין האַנדל, אין אינדוסטריע, גרויסע פירמעס אינזשינערן,
געבויט זיך מויערן, פאַבריקן, אַלץ אויף גאָר אַ גרויסן שטייגער,
און ס׳גאַנצע שטעטל דזשערמיסטאָן — געלעבט האָט פון די שניידער.

אַזוי פיל יידן פון די ערשטע, פון די גרעסטע אונטערנעמערס,
אי מיט שלעזינגערס מיליאָנען, אי מיט סעם און בעני גלעזערס,
און פיאָנערן נאָך, אָן־צאָליקע, אין ערשטע פון די רייען,
האָבן פון דער ווילדערניש, פון וויסטעניש אַ לאַנד געהאָלפן בויען.

ס'זיינען דאַרנפּאַנטיינער יידן אין די וואַרמבאַטהס געפאָרן —
אַ ביסל עולם־הזה, נאָך די צרהדיקע יאָרן,
פון זיך יאָגן און זיך פּלאָגן, ווי עס טראָגן ווינטן כוואַליעס,
האָט געגלוסט זיך אויך אַ לעב־טאָג און פאַרגעסן אָן דעם דלות.

ס'איז געווען דאָס גאַנצע שטעטל פול מיט יידישע האָטעלן,
און צימערלעך — פול בעטלעך, ניט געקענט קיין פוס דאָרט שטעלן,
און די פליגן — מחנות גרויסע, און מאָסקיטאָס — ווילד־פאַרדאַמטע,
אַ טייל פון אַלעמען זיינען געווען, ווי אייגענע, באַקאַנטע.

און די בעדער—אזא לוקסוס—ווו און ווען האָט מען געזען עס ?
מיט באַדינער וואָס באַדינען אזוי ביליק, בלויז פאַר פענעס,
און די שטויבן פון די גאַסן, און די הייזלעך—אַלטע, קרומע,
ס'האָט דערמאָנט דאָס היימיש שטעטל, אַנומלטן פון דאָרט געקומען.

* * *

פון די בעדער און פון בלאָטע, אויסגעפּאַרעט, אויסגעשוויצטע,
איבער ווייכן פעך פון גאַסן אָנגעברענטע, אָנגעהיצטע,
איז מען לאַנגזאַם זיך געגאַנגען און אַ ניגונדל געזונגען,
און געקוקט מיט דרך־ארץ אויפן שטעטלס גרעסטן בנין.

דאָס געוועזן דער האָטעל איז פון די „ענגלישע“ און „דייטשן“ —
פאַר מיוחסים זיך געהאַלטן, ניט געווען איז זייער גלייכן,
פלעגן קוקן אויף די יידן אי מיט ביטול, אי מיט שינאה,
פון וועראַנדע פלעגן חוזקן פון די דאַרנפּאַנטיינער „גרינע“.

אין „גינזבערגס־זאַל״, "H.O.D."[37], און אין שטאַטיש „דזשואיש־גילד״,
אין די זאַלן אימפּאָזאַנטע, ס׳האָט זיך יעדער גוט געפילט,
אויף די חתונות, בר־מיצווהס, און אויף שימחות סתם־אַזוי,
אַלץ געשיינט האָט און געלויכטן, אַלץ געווען איז שפּאָגל־ניי.

און די היימישע אכילות — אַלע טעמים און געשמאַקן,
און די הערינג מיטן קיכל, און דעם לעבער דעם געהאַקטן,
און ביי שאַרפֿע, שטאַרקע זופּן, און ביי פלײשן — בלויז די פעטע,
האָבן מענטשן — יונג און מונטער — זיך פאַרבראַכט ביז
שעהן שפּעטע.

* * *

ס׳זיינען שבחים פון די רעדנער עכט און אמתער געווען דאַן,
גוט געוווּסט מען האָט דעם יחוס, ס׳האָט זיך יעדערער געקענט דאַן,
ניט געווען איז וואָס צו לויבן, ניט געווען איז וואָס צו רימען,
פון די אַלע יידן רייכע ניט געווען נאָך איז קיין סימן.

ס׳איז ביי וולפֿאַרדן, דעם שדכן, אין דעם גרויסן הויז אין יעאַוויל
שטענדיק פֿול געווען מיט מענטשן, אין די צימערלעך, אַזוי פֿיל,
האָט געהאַט אַ גרויסן אויסוואַל אי פֿון מיידלעך, אי אַלמנות,
און געמאַכט אַ פֿיינעם לעבן האָט דאָן וולפֿאַרד פֿון שדכנות.

ס׳פֿלעגן פֿון די „קאַפּעריטעס״ זונטיק, קומען בחורים באַיאַרטע,
אויסגעבאָדן, אויסגעפּוצטע, און געזוכט זיך די באַשערטע,
שוין געווען מען איז פֿאַרמאַטערט פֿון די זופּן, פֿון די פֿליישן,
צו אַ תכלית געוואָלט קומען און געזוכט — נדנען גרויסע.

* * *

אין „קאַרנער־לאַנטס״ געשפּילט האָט מוזיק, מייסטנס רוסישע
מאַטיוון,
האָבן היימיש זיך געפֿילט דאָרט אין זונטיק־אָוונטן די יידן,
פּאָר אַ „סיקספּענס״, אין דזשובערט־פּאַרק, פֿרישע לופֿט, מוזיק שיינע,
האָבן חברה דאָרט געפֿלירטעוועט מיט מיידלעך — איינע אין איינע.

* * *

אויף „קערק־סטריט״ און אויף „טראַי־סטריט״ אַנדערש האָט מען
דאָרט געזינדיקט,
אין הייזלעך טונקל־פֿינצטערע די ליידנשאַפֿט באַפֿרידיקט,
ניט געווען איז קיין חילוק, ניט בראַקירט האָבן די „גרינע״,
ווייסע צי קאָלירטע — ניט געווען קיין נפֿקא מינא.

דאָן, אין יענע יאָרן גרינע, אין נאָך גאָר די ערשטע צייטן,
האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דאָ די לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייטי,
וואָס געווען עס איז אַ צענטער, אַן אַדרעס פאַר הילף צו העלפער —
פון דער לאַנדסמאַנשאַפט געלעבט האָט אַ האַלבע היימיש שטעטל.

כאָטש מיילן פיל, אין טויזנטער, אַוועק געווען פון דאַנען
האָבן פעדעם פיל פאַרבונדן און פאַראייניקט זיי צוזאַמען—
שטענדיק האָט אַ פונק געטליעט, ניט געלאָזט זיך האָט פאַרלעשן,
אי אין ליידן, אי אין פריידן מ׳האָט דאָס שטעטל ניט פאַרגעסן:

ס׳האָט די באָד זיך דאָרט צעבראָכן, איינגעפאַלן דער בית־מדרש,
ס׳פוילט דער פאַרקאַן פון בית־עולם, צי מען דאַרף אַ נייעם „הקדש״,
און דעם רב זיין נייעם חיבור מ׳האָט געהאָלפן דאָ פאַרשפּרייטן,
אויף פסח מעות־חיטין, און אַן אָרעמע כלה — אויף באַקליידן.

* * *

און ביי לאַנדסלייט אויך דאָ גופא ניט געווען איז אַלץ בסדר,
אַזוי פיל צרות און פּראָבלעמען מיט דעם נייעם לעבן־שטייגער,
ניט קיין גאָלד איז אַלץ וואָס געשיינט האָט אין דער גאָלדענער מדינה,
ס׳האָט געהאָלפן די סאָסייטי — אי די „געלע״, אי די „גרינע״.

געלעבט ס׳האָט איינער מיט אַ שיקסע, צי פאַרליבט זיך אין אַ „ברוינע״.
צי אַ „רייסעסניק״[38] געוואָרן—אָפּט פאַרלאָרן יעדע פּעני,
אין דער היים אַ ווייב מיט קינדער — ניט געוואָלט אַהער זיי ברענגען..
ס׳האָט די לאַנדסמאַנשאַפט ארויסגעהאָלפן יעדן איינעם.

נאָכן טומלדיקן הו־האַ און טאָג־טעגלעכן זיך יאָגן
צו די ביזנעס און פאַבריקן אין די פריאיקע פאַרטאָגן,
אין די אויטאָבוסן־רייען, צי אין מאָטאָר־קאַרס און באַנען,
ס'איז פאַרנומען יעדער איינער, אַזוי פיל אַרבעט ס'איז פאַראַנען.

אָבער אַז עס קומט דער זונטיק, קריגט די שטאָט אַן אַנדער פּנים,
אַ פאַרדעקטע מיט אַ שלייער, וואָס מען קען זי קוים דערקאָנען,
דאַן עס רוט זיך יעדער איינער און פאַרברענגט זיך אויף זיין שטייגער,
אויף די ספּאָרט־פעלדער די ספּאָרטלער, און פיל אַנדערע — אַזוי גאָר.

אין די זונטיקדיקע מאָרגנס יידן קלאַפּן אין די טירן:
אויף דער וועלט אַזוי פיל צרות, יידן הונגערן און פרירן,
און ישראל מוז מען העלפן זיך פאַרפעסטיקן און בויען,
און אינסטיטוציעס קיין עין הרע, וואָס פאַראַנען פיל אַט דאָ שוין.

און משולחים פיל, פאַרשיידענע, אַזוי אָפּט זיינען געקומען,
שטענדיק בלויז געקליבן געלטער, אָנגעזאַמלט גרויסע סומען —
פאַר סלאַבאָדקער און פאַר טעלזשער און פאַר „מירער" גאָר, אָפּטמאָל,
פאַר ישיבות און חדרים און רבנים אין ישראל.

פלעגט מען פונקציעס אַראַנזשירן—ניט צו לאָזן יידן פאַלן,
ס'האָבן לעקציעס און קאָנצערטן אָנגעפילט די גרעסטע זאַלן,
און פאַר צדקה איינגעאָרדנט „פּאַרטיס" גרויסע, בלויז פון קאָרטן,
ניט געשפּילט מ'האָט קיין „באָלס"[39] נאָך, ניט פאַרנומען זיך
מיט ספּאָרטן.

און פאַר צדקה גרויסע „פּיקניקס" אין „וואַן־וויקס ראַסט"[40]
אויף די גראָזן,
וואָס פאַרהילכן דעם ארום פלעגט מיט דער פריילעכקייט אַן מאָסן,
קיין פעריניכן דערקליבן זיך, ביים וואַל־טייך אַזוי ווייט,
אונטער שאָטנדיקע ווילאָו־ביימער זיך רחבותדיק צעשפּרייט.

פלוצלינג האָט אַ גרויסער חורבן אַלץ און אַלעמען פאַרשניטן,
אַלע לעבעדיקע קוואַלן מיט איין מאָל גרויזאַם אויסגעטריקנט,
און די רעשטלעך ווייט־פאַרוואָרפענע, פאַרדאַרט זיינען געבליבן
נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט ניט קיינעם אויסגעמיטן.

בייזע ווינטן אָנגעטראָגן האָבן וואָלקנס שוואַרץ און פינצטער,
און גערעכטיקייט פאַרטונקלט און אַ פאָלק געמאַכט צו הפקר,
ניט געווען שוין ווו צו לויפן — בלויז אין געטאָ און אין פלאַמען —
(ס'איז גערעכט געווען דער טאַטע: „גיי, מיין זון, אַוועק פון דאַנען!")

* * *

ס'האָבן אָט די שוואַרצע וואָלקנס אַזש אַהערצו זיך דערטראָגן,
און געלויערט ס'האָבן שונאים אויף אַלץ וואָס יידן דאָ פאַרמאָגן,
זיינען הימלען קלאָרע, בלאָע, פלוצלונג טונקעלע געוואָרן,
פאַרן פרייען היגן קיבוץ, דעם פאַרפעסטיקטן פון יאָרן.

ס'האָבן „העמדלעך גראָע", „שוואַרצע", פול מיט ליגנס און בלבולים,
אַטאַקירט אונדז און באַליידיקט, און באַגלייט אונדז מיט זילזולים,
און די לופט פאַרסמט מיט ליגנס: „ס'איז אַ יידישע מלחמה",
„אַ חשבון יידישער מיט דייטשלאַנד", „יידן זוכן בלויז נקמה".

* * *

אויף די טרעפלעך פונעם שטאָט־זאַל, אויף די ווינקלען פון די גאַסן,
ס'האָבן נאַצישע אַגענטן, אָפן אויפגעהעצט די מאַסן,
וועגן „ראַסישע געזעצן", וועגן „אַרישע טעאָריעס",
„ס'זיינען יידן אין אַלץ שולדיק", „יידן ברענגען אַלע צרות".

* * *

האָבן אַנגעשלאָסן יידן זיך אין די ערשטע פון די רייען,
ניט געווען עס איז קיין חילוק צווישן פראַקציעס און פאַרטייען,
ס'האָבן דאַרנפאַנטיינער יידן מיט פאַרקטאַונער איינאיינעם,
מיט באַוווסטזיין און מיט ווירדע אַוועק אין שלאַכט קעגן די שונאים.

כאָטש אַ גרויסער טייל פאַרנומען איז געווען מיט די „ביזנעס",
ניט געהאַט קיין צייט צו קלערן וואָס געשעט און וואָס געשען איז,
ניט באַמערקט די קליינע אותיות אין די צייטונגען פאַרהילטע
וועגן יידישע קרבנות, און בית־עולמס — אויסגעפילטע.

און אויפֿן פּראָנט דעם היימישן געווען מען איז פֿאַרנומען
מיט שטריקן און מיט נייען, און מיט זאַמלען גרויסע סומען
ס׳האָט פֿאַר מעדיצין פֿאַר רוסלאַנד דאַן די גאַנצע שטאָט געקליבן,
לויב־געזאַנגען און שבחים האָבן צייטונגען געשריבן.

גרויסע פֿריינט מיט רוסלאַנד — אַליִירט מען איז געווען,
כאָטש איצט קלינגט עס ווי אַ מעשׂה, וואָס יעדער וויל פֿאַרגעסן,
און ווי, מען וויל פֿאַרגעסן אונדזער חשבון מיט די נאַציס,
וואָס אונדזער פֿאָלק האָבן דערמאָרדעט אָן רחמנות, אַזוי האַסיק.

מען פֿאַרגעסט שוין אַלע רוצחים, מיט שיגעון ווילד־צעגליטן,
די קאַלטבלוטיקע גענגסטער — אָט די יונקערשע באַנדיטן,
מיט דער קראַנקער פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַן „אויסדערווײלטער ראַסע״,
פֿאַרטיליקט זעקס מיליאָנען האָט אָ די היסטעריע פֿון די מאַסן.

און אָט דאָ וויל איך דערמאָנען
מיין טאַטן מיט מיין מאַמען,
צוויי שוועסטער מיינע מיט צוויי ברידער
מיט זייערע עופֿהלעך צוזאַמען.

פֿאַרשאָלטן זאָלן זיין די ברוינע הענקער און באַנדיטן,
די צוויי־פֿיסיקע חיות וואָס מיין פֿאָלק האָבן פֿאַרשניטן,
זיי זאָלן באָדן זיך אין אייגן בלוט, די צונג זאָל זיי פֿאַרשטומען,
און אויף אייביקייטן אַלע זאָל אונדזער קללה זיי באַגלייטן. אמן !

און די טעג אַזוי זיך לויפן, און פון טעג עס ווערן יאָרן,
און די יידן פון דער ליטע זיינען רייכע שוין געוואָרן—
רייכע בלויז אין גאָלד און זילבער—גאָרניט מער איז ווערט צו האָבן,
און אַלץ וואָס ס׳האָט דאָס פאָלק געשאַפן—ווי פון ווינט אוועקגעטראָגן.

בלייבט מען ווען מיט זיך אַמאָל אין שלאָפלאָזע פאַרטאָגן,
קומען דאַן געדאַנקען אויף וואָס מאַטערן און פלאָגן,
ס׳ווערט די נאָגעניש און בענקעניש אַלץ שווערער און אַלץ גרעסער
פון די יאָרן אַנגעזאַמלטע, פאַררייגלטע אויף שלעסער.

מאַכט מען אַ סך־הכל דאַן, מע נעמט אַ ביסל קלערן
פון אַלץ וואָס שוין געוואָרן איז, פון אַלץ וואָס וועט נאָך ווערן,
פון אַלץ וואָס ליב און טייער איז און הייליק אונדז געווען —
בלייבט גאָרניט מער פון יידישקייט, פון אייביק־יידיש־לעבן.

אויסגעמישט, אַסימילירט זיך, קיין געדעכעניש געבליבן
פון די היימישע, די טייערע — מוטיק־שטאָלצע יידן,
אָפגעפרעמדט זיך און דערווייטערט, און צעריסן אַלע פעדעם —
און מיט אייגן טאַטע־מאַמע קוים מען וואָלט זיך איצט דערקענען.

אין די קעלערס, כמו אַרכיוון, אזוי ווי שימות אַלטע, געלע,
אַנגעפילט אין קאַסטנס פולע — אוצרות יידיש־קולטורעלע,
קיינער דאַרף עס איצט ניט האָבן, ניטאָ אויף דעם מער קיין בעלנים,
ווער האָט צייט גאָר אויף צו קלערן? בלויז אַן ענין פאַר בטלנים!

צו פאַרזאַמלונגען און לעקציעס קומען יידן נאָר געציילטע,
כאָטש די רעדנער אַזש פון אויסלאַנד—סאַמע גרויסע, אויסדערוויילטע,
כאָטש מען מעלדעט אָפּט באַצייטנס : „קיינער וועט קיין געלט
ניט בעטן,
מען וועט טיי מיט לעקעך געבן, מען וועט אַלעמען בלויז גלעטן !"

קומען יידן אַלץ די זעלבע : שוין צום גרעסטן טייל פאַרעלטערט,
אויגן שטאַרע, אויסגעלאָשן, אויערן — מידע, אָנגעשטעלטע,
אָפּט עס הודזשעט אינעם קאָפּ נאָך פון די ביזנעסן דער טומל,
זיצן קעפּ אַזויפיל גראָע און מען כאַפּט דאָרט אָפּט אַ דרימל.

* * *

אָרגאַניזאַציעס, פעדעראַציעס, סאָסייטיס אָן אַ שיעור,
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, עקסיסטירן אויפן פּאַפּיר,
זאָלן פאַרזיצערס כאָטש קומען, פון די שולן פּרעזידענטן —
וואָלטן פול געוואָרן זאַלן פון די־אַ אינטעליגענטן.

* * *

אין הו־האַ, אין לויפעניש, אין יאָגעניש דער בלינדער,
באַמערקט מען קוים ווי גרויזאַם ס'ווערן אָפּגעפרעמדט די קינדער,
גוט־באַהאַוונטע זיי זיינען אי אין פוטבאָל, אי אין טעניס,
און אויסווייניק זיי ווייסן וואָס אין האָליווד געשען איז.

אַלץ, שוין אַלץ עס האָבן טאַטעס זייערע קינדער דאָ געגעבן,
נאָר אַ פּייג זיי ווייסן אַלע פון דעם יידיש־שטייגער לעבן.
אָפּגעשאַפט עס ווערן דינים, עס פאַרשווינדן די טראַדיציעס,
לייכט זיין איז אַ ייד איצט, וויסן דאַרף מען בלויז בר־מיצווהס...

* * *

גוט באַהאַוונט אין לשונות, יידן ריידן אַלע שפּראַכן —
קענען ווי די זולוס[41] אויך שוין מיט צינגער קנאַקן, מאַכן,
נאָר עס איז אַ גרויסער וואונדער, באמת גאָר אַ גרויסער חידוש,
ווען מען הערט אַ ליטע־ייד, וואָס רעדט אויף מאַמע־לשון — יידיש.

איצט געוואָרן איז אַלץ „ביזנעס״ און עס דרייען יידן רעדער,
ס׳האַנדלען ביאַליסטאָקער יידן מיט טעקסטילן און מיט לעדער,
און פון גרינקישאָק און קופּישאָק מיט הייזער און מיט ברייזער —
יידן פשוטע פון ליטע — ס׳איז אַ ווונדער גאָר אַ גרויסער!

* * *

אויס מיט דאַרנפּאַנטיינער געסלעך און פאַרברודיקטע געהעפטן,
מיטן „טראַיען״ און מיט „שמויזן״, מיט די גראַשענע געשעפטן,
אויס מיט משה—איצט שוין מאָריס, מער ניט שמואל—סעמי הייסט ער,
אַזוי קלוג שוין איז געוואָרן, אַזאַ חכם, אַלץ שוין ווייסט ער.

אַ „פּאָליטישן״[42] אויך געוואָרן, און ער פּרעדיקט פאַר די מאַסן,
האָט זיין „פּיקטשור״ אָפּט אין צייטונג, אויף פּלאַקאַטן אין די גאַסן,
און דערציילט זיין גרויסן יחוס, און דערציילט זיי באָבע־מעשיות,
ווי פּראָבלעמען ער קען לייזן פון די שוואַרצע און די ווייסע.

* * *

און דער משה, וואָס הייסט „מאָריס״, איז אַ „ספּאָרטסמאַן״
שוין געוואָרן,
אויף זיין הוט, ער האָט קוקאַרדעס, און אַ ספּעציעלן אוניפאָרם,
מיט מיטינגען פאַרנומען, אי אין קלובן, אי אין שולן,
באַלד וועט אַ צילינדער טראָגן אויף זיין קאָפּ דעם דולן...

און זיין ווייב, אויב נאָר אַמביציע האָט — אַ „טשערלידי״ וועט ווערן,—
וועט פאַרברענגען אין געזעלשאַפט פון די בערדלדיקע הערן,
וועט שטופּן זיך און ריידן הויך, פאַרנומען זיין מיט מיקוואָהס,
און די ערשטע אויף פאַרזאַמלונגען וועט זינגען די „התקווה״...

און די שולן—הערלעך־שיינע—שטייען ליידיק און פּאַרוויסטע,
אויף צו בויען צייט געפּטרט, און אזוי פיל געלט — אומזיסטע,
און עס קריגן אַלע שכירות, און עס פעלט נישט קיין פּרנסה—
אַן די „סערמאָנס"[43], אַן חזנות קומט מען אויס שוין גאַנץ נישקשה.

אָנגעפילט בלויז ווערן שולן אין טעג געציילטע אינעם יאָר,
ווען ס'פאַרבענקען זיך די מענטשן נאָך אַ חזן און אַ כאָר —
קומען אין די שולן אַלע, פון דער שטאָטס ווייטסטע ווייטן,
צו טאָן א חוב — זיי מערסטנס קומען — אי פאַר גאָט און אי פאַר לייטן.

וויל אַ רב זיך דאַן דערלויבן און אַ ביסל מוסר זאָגן—
ווערט אין שול אַ גרויסער טומל, קיינער קען עס נישט פאַרטראָגן,
פילט די שטאָט זיך שווער געטראָפן און עס ווערט אַ גרויס געפילדער :
סטייטש ! אַ רב זאָל אזוי ריידן ! זאָגט מען גאָר : ער איז אַ ווילדער.

* * *

ס'האָט אַ פאָלק אַ פיל־געפרווטער, אַ מוסטער־עדה וואָס געווען איז,
מיט אַ גלויבן פעסט, פאַרעקשנט, פאַר גערעכטיקייט און אמת,
פלוצלונג אַלץ אַוועקגעוואָרפן און הכנעהדיק פאַרביטן,
דעם איידלסטן און שענסטן צווייג אזוי לייכטזיניק אָפגעשניטן.

אָפּגעפרעמדט און זיך דערווייטערט פון די שיינקייטן, טראַדיציעס,
אזוי פיל דורות אויסגעהאַלטן — איצט פאַרלאָזן די פּאָזיציעס,
און מע הייסט זיך אונטערגעבן—
ווייל ס'פאָדערט איצט אזוי דאָס לעבן. — —

באַנוצטע פרעמד־ווערטער

1. „ריף“ — דער ערד־שיכט אונטער יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט פון וואַנען מען גראָבט ארויס די שטיינער וואָס אַנטהאַלטן גאָלד.
2. 3. בושלייט, האָטענטאָטס — פרימיטיווע שבטים, איצט כמעט פארשוואונדן.
4. „בושעס“ — דערנער.
5. 6. 7. 8. „זו“, „זו־לייק“, דזשובערט־פּאַרק, „קאָפּיס“ — פאַרווײלונג־פלעצער אויסן יאָ־האַנעסבורג.
9. „קאַיאַס“ — הייזער.
10. „טאַונשיפּס“ — ספּעציעל־באַשטימטע וווין־ערטער פאַר שוואַרצע.
11. „נענע“ — אַ דינסט־מיידל.
12. „שאַמפּונגאַנס“ — אַ שוואַרצער שבט וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין רייניקן געהעפטן און גאַסן.
13. „סאַריס“ — אַ קאָפּ־טוך.
14. „סאַלוויישאָן אַרמי“ — ארמיי פאר דער רעטונג פון דער נשמה.
15. „האָבאָעס“ — מענטשן וואָס זאָגן זיך אָפּ פון ארבעט און לעבן פון בעטלען.
16. „מיליפּאָפּ“ — צומאָלענע „מיליס“ — נאַציאָנאַלער מאכל פון גרעסטן טייל שוואַרצע.
17. „ספּעשלס“ — פּעסער וואָס ווייסע האָבן אַ רעכט ארויסצוגעבן צו שוואַרצע.
18. „באָי“ — דער פּאָפּולערער נאָמען מיט וועלכן מען רופט יעדן שוואַרצן בן־זכר.
19. 20. „בוטשער־באָי“, „גראָסער־באָי“ — אָנגעשטעלטע ביי קצבים און קרעמער.
21. „לאָקיישנס“ — דאָס זעלבע ווי „טאַונשיפּס“.
22. „בייסקאָפּ“ — קינאָ.
23. „וויטשדאָקטער“ — מכשף.
24. „מוטי“ — מעדיצין פאַר שוואַרצע, באַשטייט פון קרייטעכצער און וואָרצלען, פעלכלעך פון שרצים רמשים, און אין פיל פאַלן טיילן פון מענטשלעכע אברים.
25. „לאָבאָלאַ“ — נדן.
26. מ׳באַבאַן — די הויפּט־שטאָט פון סוואַזילאַנד.
27. „פּיקאַניניס“ — עופלעך.
28. „טשאָטשיס“ — גנבים.
29. „אַפּאַרטהייד“ — די טעאָריע פון אָפּזונדערן די פאַרשיידענע פעלקער פון לאַנד לויט זייערע ראַסן.
30. „קערפיוס“ — אַ באַשטימטע צייט נאָך וועלכער שוואַרצע טאָרן זיך ניט באַווייזן אויף די גאַסן.
31. „באָטל־סטאָרס“ — די געשעפטן פאַר משקאות.
32. „שמש׳ס יאַרד“ — דער מאַרק־פּלאַץ פאַר אַלטע קליידער און אַלטע מעבל וואָס איז געווען אַ פּרנסה־מקור פאַר אַ גרויסן טייל „גרינע“ יידן (זע ל. פעלדמאַן : „די יידן פון יאָהאַנעסבורג“).
33. „קאָפּעריטעס“ — רעסטאָראַנען פאַר שוואַרצע.
34. „שמויזן“ — האַנדלען. דער דאָזיקער מין האַנדלען איז באַשטאַנען אין אָנלאָדן אַ פור סחורה און זיך אוועקלאָזן איבער די פאַרוואָרפנסטע טיילן פון לאַנד פאַר מאָנאַטן און אויסבייטן דעם סחורה פאַר פאַרשיידענע פאַרם־פּראָדוקטן, וועלכע מען פלעגט דערנאָך פאַרקויפן אין שטאָט און דערביי פאַרדינען געגוג פאַר זיך און פאַר די איינגעשפּאַנטע אָקסן.
35. „פאָרטרעקער“ — די ערשטע האָלענדער, וואָס האָבן מיט זייער פּיאָנערישן גייסט אויסגע־טראָטן דעם וועג פאַר דעם אַנטשטייאונג פון איצטיקן אפריקאַנער פאָלק.
36. „טרייער“ — אַ הענדלער וואָס פלעגט ארומגיין פון הויז־צו־הויז און אָנבאָטן זיין סחורה. דער מין האַנדל עקסיסטירט נאָך אין אַ געוויסער מאָס אויך היינט.
37. „ה.אָ.ד.“ — „היברו אָרדער אָוו דייוויד“ — אַ יידישער אָרדן.
38. „רייסעסניק“ — איינער וואָס פאַרנעמט זיך מיט פערד־געוועטן און האָפט דערפון רייך צו ווערן.
39. „באָולס“ — אַ באַל־שפּיל וואָס איז לעצטנס פּאָפּולער ביים גרעסטן טייל יידן.
40. „וואַן־וויקס ראַסט“ — אין יענע צייטן אַ באַרימטער אָפּרו־פּלאַץ ניט ווייט פון יאָהאַנעסבורג.
41. „זולוס“ — פון די פּאָפּולערסטע שוואַרצע שבטים אין לאַנד.
42. „פּאָליטישן“ — אזא איינער וואָס מאַכט אַ קאַריערע פון פּאָליטיק.
43. „סערמאָנס“ — דרשות.